# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת וירא, כ' חשון, שנת תשפ"ד לפ"ק
שנה 13, גליון 5 (625)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................5:32
מוצאי שב"ק.....................7:01

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......יחזקאל מ"ח – הושע א'
בבלי...................בבא קמא ב'
ירושלמי....................חלה כ"ב
תוספתא...............תרומות ג'
רמב"ם.........קידוש החודש י"ח

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְהָאֱלֹקִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם. זָאגְט רַשִׁ"י אַז דֶער נִסָּיוֹן פוּן דִי עֲקֵדָה אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ אַ קִטְרוּג פוּנֶעם שָׂטָן. דֶער שָׂטָן הָאט מְקַטְרֵג גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעזָאגְט, "פוּן דִי אַלֶע סְעוּדוֹת וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעמַאכְט, הָאט עֶר נִישְׁט מַקְרִיב גֶעוֶוען קַיין אֵיין קָרְבָּן פַאר דִיר", הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "וֶוען אִיךְ וָואלְט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל מַקְרִיב זַיין פַאר מִיר זַיין זוּן, וָואלְט עֶר עֶס אוֹיךְ גֶעטוּן".

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, פֶּרֶק ל"א; בְּרֵאשִׁית רַבָּה נ"ה, א') אַז דֶער נִסָּיוֹן פוּן עֲקֵדַת יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען דֶער לֶעצְטֶער אוּן צֶענְטֶער נִסָּיוֹן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דָאס גֶעגֶעבְּן מִיטְ'ן צִיל אִים אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל זֶען זַיין גְרוֹיסְקֵייט, אוּן אַרוֹיסְצוּאַווייזְן זַיין גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִים. אוֹיבּ אַזוֹי, פַארְוָואס זָאגְט דָא רַשִׁ"י אַז דָאס אִיז גָאר גֶעקוּמֶען צוּלִיבּ אַ קִטְרוּג פוּנֶעם שָׂטָן, פַארְוָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט דֶער קִטְרוּג צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם נִסָּיוֹן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט אִים דָאךְ גֶעקֶענְט סְתָּם אַזוֹי הֵייסְן שֶׁחְטְ'ן זַיין זוּן, אוּן מִיט דֶעם דֶערְהֵייבְּן אַבְרָהָם אָבִינוּ פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וָואס וֶועט זֶען וִוי עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַזַא שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן?

נָאר מֶען קֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט וִוי חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (בְּכוֹרוֹת ח:) אַז דִי סָבֵי דְבֵי אַתּוּנָא הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט פוּן רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה אַ מָאדְנֶע שְׁאֵלָה, "וֶוען אַ פֵייגְל שְׁטַארְבְּט נָאךְ אִינְ'ם אֵיי, וואוּ גֵייט אַרוֹיס זַיין רוּחַ?", הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "עֶס גֵייט אַרוֹיס אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז אַרַיין". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט עֶס אוֹיס בַּאֲרִיכוּת (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"ו) אַז דִי קַשְׁיָא אִיז בַּיים וֶועלְכְן פְּלַאץ פוּנֶעם דַאוֶוענֶען דַארְף מֶען זִיךְ דָאס מֶערְסְטֶע מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אִינְזִין צוּ הָאבְּן, אוּן דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז דַוְקָא אוֹיף דֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶס קוּמֶען אַרַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, דָארְטְן דַארְף מֶען זִיךְ דִי מֶערְסְטֶע אָנְשְׁטְרֶענְגֶען יָא אִינְזִין צוּ הָאבְּן דָאס דַאוֶוענֶען.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ בַּיי סַיי וֶועלְכֶע זַאךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דַוְקָא בַּיי דִי זַאכְן וָואס קוּמְט אָן שְׁוֶוער פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, דַוְקָא בַּיי דִי זַאכְן וואוּ עֶר אִיז שְׁוַואךְ, דָארְטְן דַארְף עֶר פְּרוּבִּירְן דָאס מֶערְסְטֶע זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען יָא צוּ טוּן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל.

דָאס וָוארְט "נִסָּיוֹן" מֵיינְט אוֹיךְ "אוֹיפְהוֹיבְּן", וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ ס"ב, י') "הָרִימוּ נֵס". יֶעדֶע נִסָּיוֹן אוּן שְׁוֶועריִקְייט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אוּנְטֶער פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אִיז דָאס נָאר מִיטְ'ן צִיל אִים אוֹיפְצוּהוֹיבְּן. וֶוען אַ אִיד זֶעט אַז עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סְ'אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ טוּן אַ גֶעוִויסֶע מִצְוָה, סְ'אִיז אִים שְׁוֶוער זִיךְ צוּרִיקְצוּהַאלְטְן פוּן אַ גֶעוִויסֶע עֲבֵירָה, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז דָארְט לִיגְט בַּאהַאלְטְן זַיין הַצְלָחָה, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען דַוְקָא בַּיי יֶענֶע זַאךְ, עֶר וֶועט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי נִסְיוֹנוֹת, וֶועט דָאס אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְהוֹיבְּן, אִים דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים צוּבְּרֶענְגֶען צוּם תַּכְלִית פַארְוָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט.

מִיט דֶעם פַארְשְׁטֵייט מֶען פַארְוָואס אֵיידֶער אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדַארְפְט אַזוֹי שְׁטַארְק דֶערְהוֹיבְּן וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם נִסָּיוֹן, הָאט גֶעמוּזְט קוֹדֶם זַיין אַ קִטְרוּג פוּנֶעם שָׂטָן אוֹיף אִים, וִוי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן אוּנְז חֲזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נ"ו, ד') אִיבֶּער דִי פִילֶע שְׁוֶועריִקְייטְן וָואס אַבְרָהָם אוּן יִצְחָק זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ דִי עֲקֵדָה, וֶוען דֶער שָׂטָן הָאט פְּרוּבִּירְט אוֹיף אַלֶע סָארְט וֶועגְן זֵיי אָפְּצוּרֶעדְן פוּן צוּ גֵיין טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אַלֶעס הָאט גֶעמוּזְט פַּאסִירְן, וַוייל אֵיידֶער אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט דֶערְהוֹיבְּן מוּז עֶר קוֹדֶם דוּרְכְגֵיין שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן קִטְרוּגִים.

דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע הִתְחַזְקוּת פוּן יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, אַז דַוְקָא וֶוען עֶר זֶעט אַז סְ'קוּמְט אִים אָן אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אַזוֹיפִיל מַחְשָׁבוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, עֶר הָאט אַזוֹיפִיל נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן, דֶער שָׂטָן פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף פוּן אַלֶע זַייטְן, דַארְף עֶר גוּט גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, נָאר פַארְקֶערְט, עֶר זָאל דָאס נֶעמֶען פַאר אַן הִתְחַזְקוּת אַז יֶעצְט אִיז זַיין צַייט דֶערְהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן, יֶעצְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט מַצְלִיחַ צוּ זַיין, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט נָאכְלָאזְן, נָאר צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן זַיין הִילְף, דַאן וֶועלְן אַלֶע מְנִיעוֹת וֶועלְן זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן אוּן עֶר גָאר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין,

(תּוֹךְ הַנַּחַל וַיֵּרָא תשס"ט)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### אַ דוּרְכְפַאל

חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת ק"כ.) אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז מַצְלִיחַ נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל. דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין זַיין אוּנְטֶערְנֶעמוּנְג, דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר מַצְלִיחַ, וַוייל אַזוֹי לֶערְנְט עֶר זִיךְ אוֹיס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וָואס עֶר זָאל יָא טוּן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער. דֶער דוּרְכְפַאל בְּרֶענְגְט אִים גָאר צוּ זַיין הַצְלָחָה. דִי גְמָרָא זָאגְט אוֹיךְ (גִיטִין מ"ג.) "אֵין אָדָם עוֹמֵד עַל דִּבְרֵי תוֹרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְשָׁל בָּהֶם" - אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ אִין לֶערְנֶען, נָאר נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶר זָאל זִיךְ מֶער אָנְשְׁטְרֶענְגֶען.

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי פְרֵיילִיךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ קוּמְט עֶר אָן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (חִדּוּשֵׁי הָרְמַ"ל, פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא), דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "שַׁעֲרֵי דְמָעוֹת לֹא נִנְעֲלוּ", אַלֶע טִירְן וֶוערְן פַארְשְׁפַּארְט אוֹיסֶער דִי טִירְן פוּן טְרֶערְן; זָאגְט דֶער צַדִיק, אֲפִילוּ דִי טִירְן פוּן טְרֶערְן וֶוערְן נִישְׁט פַארְשְׁפַּארְט - דָאךְ אִיז אָבֶּער דָא טִירְן, מֶען דַארְף טְרֶעפְן דִי טִירְן; נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען וֵויינֶען, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס וֵויינֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל; זָאגְט דֶער צַדִיק, אוֹיף שִׂמְחָה אִיז נִישְׁטָא קַיין טִירְן, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן אֵיינֶער זָאל עֶפֶענֶען, אֵיינֶער זָאל פַארְשְׁפַּארְן, נָאר תֵּיכֶף וּמִיַּד וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ - אִיז עֶר שׁוֹין בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

שִׂמְחָה אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה, חֲתַ"ךְ – אִיז דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טז): "פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ"; אוֹיךְ אִיז דָאס דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן (דְּבָרִים טז, טו): "וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ"; וַוייל אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ – הָאט מֶען פַּרְנָסָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּרָא תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# קֶען מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ נֵס?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע, מֶען רֶעדְט אַזוֹיפִיל אִין יְשִׁיבָה אַז מֶען קֶען בֶּעטְן אַלֶעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְרֶעגְט אִיר 'דֶעמָאלְט וָואס מֵיינְט תְּפִלַּת שָׁוְא? דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן דָאךְ (בְּרָכוֹת נד.) אַז אוֹיבּ מֶען דַאוֶוענְט וֶוען מֶען וַוארְט שׁוֹין אַ קִינְד עֶס זָאל וֶוערְן אַ אִינְגְל אִיז דָאס אַ תְּפִלַּת שָׁוְא!'

אִיר וֶועט דָאס פַארְשְׁטֵיין מִיט אַן הַקְדָמָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פְרֶעגְן (שָׁם ס.) מִיר זֶעעֶן דָאךְ בַּיי אֵיינֶע פוּן דִי פִיר הֵיילִיגֶע אִמָהוֹת, לֵאָה, אַז זִי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען זִי הָאט גֶעזֶען בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז זִי וַוארְט אַ אִינְגְל, עֶס זָאל וֶוערְן אַ מֵיידְל כְּדֵי אִיר שְׁוֶועסְטֶער רָחֵל זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן אוּן הָאבְּן נָאר אֵיין קִינְד, אוּן מִיט תְּפִלָּה הָאט זִי אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן דָאס קִינְד אִיז גֶעוָוארְן אַ מֵיידְל, דִינָה; זֶעעֶן מִיר קְלָאר אַז מֶען קֶען יָא בֶּעטְן אַ תְּפִלַּת שָׁוְא! עֶנְטְפֶערְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא: "אֵין מַזְכִּירִין מַעֲשֵׂה נִיסִים", פְרֶעג נִישְׁט פוּן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ נֵס!

לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער, וִוי אַזוֹי הָאט לֵאָה גֶעבֶּעטְן פַאר דִי נֵס? אוֹיךְ אִיז דָא אִין דֶעם אַ מַחֲלֹקֶת (תַּנְחוּמָא וַיֵּצֵא, ח), רַב הוּנָא זָאגְט נָאךְ בְּשֵׁם רֶבִּי יוֹסִי: "אֵינוֹ כֵן", עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי דֶער תַּנָא זָאגְט: "הָיְתָה אִשְׁתּוֹ מְעֻבֶּרֶת וְאָמַר יְהִי רָצוֹן שֶׁתֵּלֵד אִשְׁתִּי זָכָר, הֲרֵי זוֹ תְּפִלַּת שָׁוְא, אֶלָּא אֲפִלּוּ עַד שָׁעָה שֶׁתֵּשֵׁב עַל הַמַּשְׁבֵּר", נָאר בִּיז מֶען גֶעבּוֹירְט דָאס קִינְד, "יִתְפַּלֵּל שֶׁתֵּלֵד זָכָר", זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין אַ אִינְגְל, "לְפִי שֶׁאֵין קָשֶׁה לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, "לַעֲשׂוֹת אֶת הַנְּקֵבוֹת זְכָרִים", צוּ מַאכְן פַארְקֶערְט, "וְאֶת הַזְּכָרִים נְקֵבוֹת".

נָאר וָואס דֶען? מֶען קֶען זָאגְן אַז דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קַשְׁיָא, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת; מֶען רֶעדְט דָא פוּן צְוֵויי סָארְט מֶענְטְשְׁן, אֵיינֶער אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט אַזַא קְלָארֶע אֱמוּנָה, עֶר אִיז אוּנְטֶער גֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, עֶר גְלֵייבְּט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, אָבֶּער עֶר הַאלְט אַז עֶס אִיז דָא אַ טֶבַע; אַזַא אֵיינֶער קֶען נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס, בַּיי אִים אִיז דָא 'תְּפִלַּת שָׁוְא', בַּיי אִים אִיז דָא 'אֵין מַזְכִּירִין מַעֲשֵׂה נִיסִים'.

נָאכְדֶעם אִיז דָא אֵיינֶער וָואס פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶר אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ, אָבֶּער עֶר אִיז מְקוֹרָב צוּם צַדִיק, דֶער צַדִיק שַׁיינְט אַרַיין אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר בְּרֶענְגְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ אַזַא הוֹיכֶע דַרְגָה אִין אֱמוּנָה, עֶס אִיז מֶער נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, קַיין מִקְרֶה אוּן קַיין מַזָל; עֶס אִיז דִי זֶעלְבֶּע נֵס דָאס אָטֶעמֶען, זֶען, הֶערְן, רֶעדְן, טַאפְּן, גֵיין - וִוי הָאבְּן אַ קִינְד אוּן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן פוּן אַ נְקֵבָה צוּ אַ זָכָר; בַּיי אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן אִיז - "אֵין קָשֶׁה לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" - גָארְנִישְׁט שְׁוֶוער בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן אִיז דָאס נִישְׁט אַ תְּפִלַּת שָׁוְא, צוּ זֵיי רֶעדְט רֶבִּי יוֹסִי אוּן זָאגְט: "אֲפִלּוּ עַד שָׁעָה שֶׁתֵּשֵׁב עַל הַמַּשְׁבֵּר יִתְפַּלֵּל שֶׁתֵּלֵד זָכָר"; ווִידֶער דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיטָה, דִי חֲכָמִים - זֵיי רֶעדְן צוּם הֲמוֹן עַם, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶעעֶן אַ טֶבַע'דִיגֶע וֶועלְט, אַ מַזָל'דִיגֶע מֶענְטְשׁ, אַ גוּטֶער פַּאסִירוּנְג, אַ שְׁלֶעכְטֶע פַּאסִירוּנְג; פַאר זֵיי זָאגְט מֶען 'תְּפִלַּת שָׁוְא' אוּן 'אֵין מַזְכִּירִין מַעֲשֵׂה נִיסִים'.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר - הַכֹּל לַכֹּל עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, בִּיז אִיר וֶועט שְׁפִּירְן בַּיים בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, "אֵין קָשֶׁה לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", גָארְנִישְׁט אִיז שְׁוֶוער צוּ בַּאקוּמֶען.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּרָא תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

דָאס זֶעט מֶען אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוּת. דֶער סְטָאלֶער וֶועט זִיךְ קוֹדֶם פִיל מָאל גוּט צוּהַאקְן דִי הֶענְט פוּנֶעם הַאמֶער, אֵיידֶער עֶר וֶועט זִיךְ גוּט דֶערְלֶערְנֶען דִי אַרְבֶּעט. וִוי לַאנְג עֶלֶעקְטָארִישַׁאן וֶועט זִיךְ גוּט אוֹיסְלֶערְנֶען זַיין פַאךְ, וֶועט עֶר אוֹיפְ'ן וֶועג נָאךְ כַאפְּן שְׁטַארְקֶע עֶלֶעקְטְרִיק-שַׁאקְס. אוּן אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן זֵייעֶר דוּרְכְפַאל אוּן הוֹיבְּן דִי הֶענְט, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין. אוֹיבּ אָבֶּער וֶועלְן זֵיי נוּצְן דֶעם דוּרְכְפַאל אַלְס אַ לֶעקְצִיֶע צוּ וִויסְן פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וֶועט דָאס זַיין דֶער סוֹד פוּן זֵייעֶר הַצְלָחָה.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיּוּת. וֶוען אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין זַיין עֲבוֹדַת ה', דַאן טָאר עֶר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן אַ דוּרְכְפַאל. נָאר פַארְקֶערְט, עֶר זָאל נוּצְן דֶעם דוּרְכְפַאל זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דֶערְפוּן פַאר שְׁפֶּעטֶער, אוּן עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם הוֹיבְּט זִיךְ נָאר אָן וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. מֶען הַאלְט אִין אֵיין הַאלְטְן קָאפּ וָואס דֶער צְוֵוייטֶער וֶועט זָאגְן צוּ מִיר. אוּן דַאן, וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁטְרוֹיכְלוּנְג, וֶוערְט מֶען גְלַייךְ צוּקְלַאפְּט "אוֹי וֵויי, יֶעצְט וֶועט יֶעדֶער זֶען אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְט". אַ פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אָבֶּער נִישְׁט קוּקְן דֶערוֹיף. עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אוּן וִויסְן אַז דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע קוּקְן אָדֶער קְרוּמֶען אוֹיף אִים, וֶועלְן אִים גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן. אוּן אוֹיבּ וִויל עֶר מַצְלִיחַ זַיין דַארְף עֶר זִיךְ נִישְׁט צוּקְרַאצְן פוּן וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן אוּן זָאגְן אוֹיף אִים. נָאר נוּצְן זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוֹיף זִיךְ בֶּעסֶער אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן גֵיין וַוייטֶער מִיט אַ שְׁטַארְקַייט בִּיז עֶר וֶועט סוֹף כָּל סוֹף מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם מִיטְ'ן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט') אַז דֶער חָכָם הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעקוּקְט וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק גֶעקוּקְט צוּ זֶען אוֹיבּ מֶען לַאכְט נִישְׁט פוּן אִים, אוּן כָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלוּג, אִיז עֶר צוּם סוֹף אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ טִיפֶע גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע. ווִידֶער דֶער תַּם אִיז טַאקֶע נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי קְלוּג, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט דִי מַעְלָה אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם? דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה. פַארְוָואס זָאל אִיךְ קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם?", אוּן דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר טַאקֶע גָאר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער מִינִיסְטֶער אִיבֶּער אַלֶע מִינִיסְטָארְן.

### אַ הִילְף צוּ גֵיין

מִיר זֶעעֶן בְּגַשְׁמִיּוּת אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אוּן צוּקְלַאפְּט זִיךְ, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אוֹיפְשְׁטֶעלְן, דַאן וֶועט עֶר זוּכְן אוּן בֶּעטְן הִילְף פוּן אַ צְוֵוייטְן וָואס זָאל אִים גֶעבְּן אַ הַאנְט אוּן אִים הֶעלְפְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן.

בְּרוּחֲנִיּוּת אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אוֹיפְהוֹיבְּן, עֶר זֶעט אַז עֶר פַאלְט אוּן פַאלְט, דַארְף עֶר גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס זָאל אִים קֶענֶען גֶעבְּן אַ הַאנְט אַז עֶר זָאל קֶענֶען שְׁטֵיין אוֹיף דִי פִיס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ט"ז) אַז וֶוען אַ אִיד אִיז מְקוּשָּׁר צוּ אַ צַדִיק, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן. דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִיק לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן דָאס וֶועט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַאלְן קֵיינְמָאל. מֶען דַארְף נָאר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל טְרֶעפְן דֶעם רִיכְטִיגְן צַדִיק וָואס קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, אוּן נִישְׁט זִיךְ לָאזְן נַארְן אוּן גֵיין צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אִיבֶּער דֶעם וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זוּכְן דֶעם רִיכְטִיגְן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס קֶען אִים טַאקֶע הֶעלְפְן. אַ אִיד אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס הַארְץ אַז עֶר אִיז לַיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט גָאר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר זוּכְט אַ וֶועג אַרוֹיס, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען דָאס פַארֶעכְטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן.

<<<<<<

זַיין רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אִים קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַז זַיין תְּשׁוּבָה אִיז גָאר שְׁוֶוער, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי אִים צוּ הֶעלְפְן, נָאר עֶר וָואלְט אִים גֶע'עֵצָה'ט אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם הֵיילִיגְן "חַזוֹן אִישׁ", נָאר עֶר וֶועט אִים קֶענֶען הֶעלְפְן. דֶער אִיד אִיז דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן דִי עֵצָה, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן אַז נָאר דָאס זָאל עֶר נִישְׁט הֵייסְן, וַוייל דָאס וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַּארְ'ן רֶבִּי'ן אִיז אִים אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען, עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן מַמָּשׁ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת צוּ גֵיין צוּם חַזוֹן אִישׁ צוּ בֶּעטְן אַ תְּשׁוּבָה. דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה פַּאר אִים. בְּלֵית בְּרֵירָה הָאט דֶער אִיד מִיט אַ צוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ גֶעמוּזְט מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַּאר זַיין רֶבִּי'ן אַז עֶר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער חַזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט.

וֶוען דֶער אִיד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם חַזוֹן אִישׁ אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַזַא פַּחַד אוּן שְׁרֶעק, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אֲפִילוּ אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן אַז עֶר גֵייט שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר וֶועט פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן חַזוֹן אִישׁ, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט.

דֶער חַזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעשְׁטַארְקְט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל פוּן הַיינְט אָן פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פִירְן נָאר עֶרְלִיךְ אוּן גֵיין נָאר אוֹיף גוּטֶע וֶועגְן, אוּן עֶר זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנֶה בְּרוּרָה".

דֶער אִיד אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן. עֶר אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעדַאנְקְט פַּארְ'ן שִׁיקְן צוּם הֵיילִיגְן חַזוֹן אִישׁ, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט וָואס דֶער חַזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים מִיטְ'ן מִשְׁנֶה בְּרוּרָה, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַקְפִּיד צוּ זַיין אוֹיף יֶעדֶע הֲלָכָה עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין וִוי מֶען דַארְף, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דִי אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ, דַארְף נָאר גֶענוּצְט פַארְ'ן צֶוועק זִיךְ אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן גֵיין וַוייטֶער, אוּן נִישְׁט אוֹיף פַארְקֶערְט ח"ו, צוּ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אַלֶעס אוֹיפְגֶעבְּן. אוּן אוֹיב קֶען מֶען דָאס נִישְׁט אַלֵיין בַּאוַוייזְן, דַאן דַארְף מֶען זוּכְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִיק וָואס זָאל לֶערְנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן. וֶוען אַ אִיד וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט עֶר זִיכֶער שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ נְפִילָה, וְחֵלֶק ד' עֶרֶךְ כִּשָּׁלוֹן וְעֶרֶךְ צַדִיק)



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## זָאל מֶען אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף שִׂמְחָה? וִוי אַזוֹי דִינְט מֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט גַשְׁמִיּוּת?

***שְׁאֵלָה:***

**לִכְבוֹד רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל, אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן שְׁאֵלוֹת, אוּן יֶעצְט וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת.

שְׁאֵלָה א', לוֹיט וִוי מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאל מֶען אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה; וָואס זָאל מֶען טוּן בִּיז מֶען אִיז קוֹנֶה דִי מִדָּה, זָאל מֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַנְדֶערֶע זַאכְן וִוי לְמָשָׁל שָׁלוֹם בַּיִת אוּן חִינוּךְ הַבָּנִים? עֶס קֶען דָאךְ אַדוּרְךְ גֵיין יָארְן בִּיז מֶען אִיז קוֹנֶה דִי מִדָּה.

שְׁאֵלָה ב', וִוי אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר'ן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי נְשָׁמָה וָואס דֶעמָאלְט אִיז דָא נַהֲמָא דְכִסִיפָא אוּן מְמֵילָא מוּז דִי נְשָׁמָה אַרָאפְקוּמֶען דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אַדוּרְךְ גֵיין אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן, סַיי צַדִיקִים אוּן אַוַודַאי רְשָׁעִים. עֶס וָואלְט לוֹיט דִי פְּרָאסְטֶע שֵׂכֶל גֶעוֶוען בֶּעסֶער אַז דִי נְשָׁמָה זָאל בִּכְלַל נִישְׁט בַּאשַׁאפְן וֶוערְן, אַזוֹי וִוי דִי סְפָרִים פְרֶעגְן וָואס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם אַז עֶר הָאט אוּנְז דָאךְ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין מִצְרַיִם, אוּן דִי תִּירוּץ וָואס זֵיי עֶנְטְפֶערְן "כְּדֵי זֵיי אוֹיס צוּ לַייטֶערְן" - אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ דָא.

שְׁאֵלָה ג', אִיר דֶערְמַאנְט אַסַאךְ אִין אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אַז מֶען קֶען לֶעבְן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן דָאךְ דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה; אִיז מִיר שְׁוֶוער, וַוייל אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רל"א), אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר טוּן אַלֶע זַיינֶע עִנְיָנֵי גַשְׁמִיִּים אוֹיב עֶס אִיז אַ צוֹרֶךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, צוּם בַּיישְׁפִּיל נִישְׁט עֶסְן אָדֶער שְׁלָאפְן מֶער וִויפִיל עֶס פֶעלְט אוֹיס.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ עֶנְטְפֶערְן עַל רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן וְעַל אַחֲרוֹן אַחֲרוֹן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נב): "צְרִיכִים לְבַקֵּשׁ קוֹדֶם עַל מִדָּה אַחַת, וּכְשֶׁשּׁוֹבְרִים אֶת הַמִּדָּה הַזּוֹ, אָז צְרִיכִים לְהִתְפַּלֵּל עַל מִדָּה שְׁנִיָּה, וְכֵן לְבַקֵּשׁ בְּכָל פַּעַם עַל מִדָּה אַחֶרֶת עַד שֶׁיְּבַטֵּל מִמֶּנּוּ אֶת כָּל הַמִּדּוֹת וְהַתַּאֲווֹת רָעוֹת", אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם נֶעמֶען אֵיין מִדָּה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אוּן וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין צֶעבְּרָאכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה זָאל עֶר נֶעמֶען נָאךְ אַ מִדָּה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, בִּיז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידּוֹת.

שְׁטֶעלְט זִיךְ דִי קַשְׁיָא: בַּיי וֶועלְכֶע מִדָּה הֵייבְּט מֶען אָן, אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָּה זָאל מֶען בֶּעטְן עֶרְשְׁט? פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זָאל מֶען בֶּעטְן אוֹיף "שִׂמְחָה", וַוייל אֵיינְמָאל מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט שׁוֹין אַוֶועק אַלֶע מִידּוֹת רָעוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, אַזוֹי אוֹיךְ אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, הָאט מֶען נִישְׁט אַזוֹיפִיל פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיף קִינְדֶער אוּן אוֹיף פַּרְנָסָה וְכוּ' וְכוּ', פַארְקֶערְט, דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי עֶר רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶע חָבֵר; אַוַדַאי דַארְף מֶען בֶּעטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, טַייכְן טְרֶערְן דַארְף מֶען פַארְגִיסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל אוֹיסְאַרְבֶּעטְן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידּוֹת, אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל הָאבְּן גוּטֶע מִידּוֹת, אוֹיב הוֹיבְּט מֶען אָן מִיט שִׂמְחָה, פַאלְן אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶעפְּרֶעסְט, דֶעמָאלְט פַאלְט עֶר אַרַיין אִין כַּעַס אוּן אִין שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אַזוֹי אוֹיךְ פַאלְט עֶר אִין קְדוּשָׁה, וַוייל אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען הֵייבְּן זִיךְ אָן וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ. דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע זַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט פַארְוָואס מֶען אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן וְכוּ'; עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי אַרַיין צוּ גֵיין אִין דִי אַלֶע חֲקִירוֹת וְכוּ', וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן יב): "כְּשֶׁאָדָם הוֹלֵךְ אַחַר שִׂכְלוֹ וְחָכְמָתוֹ, יוּכַל לִפֹּל בְּטָעוּתִים וּמִכְשׁוֹלוֹת רַבִּים, וְלָבוֹא לִידֵי רָעוֹת גְּדוֹלוֹת, חַס וְשָׁלוֹם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ זַיין שֵׂכֶל אוּן זַיין חָכְמָה, קֶען עֶר צוּקוּמֶען צוּ מַאכְן גְרוֹיסֶע טָעוּתִים אוּן צוּ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, "וְיֵשׁ שֶׁקִּלְקְלוּ הַרְבֵּה, כְּגוֹן הָרְשָׁעִים הַגְּדוֹלִים מְאֹד הַמְפֻרְסָמִים, שֶׁהִטְעוּ אֶת הָעוֹלָם וְהַכֹּל הָיָה עַל יְדֵי חָכְמָתָם וְשִׂכְלָם", עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע רְשָׁעִים וָואס הָאבְּן פַארְדְרֵייט דִי וֶועלְט, אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוייל זֵיי זֶענֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען

BreslevCenter.com\answers

נָאךְ זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא, רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה שֶׁיִּהְיֶה שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דֶער עִיקָּר פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז, מֶען זָאל פָּאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אוּן פַאר מֶען טוּט אַ זַאךְ זָאל מֶען קוּקְן צִי דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין יג:): "נוֹחַ לוֹ לָאָדָם שֶׁלֹּא נִבְרָא יוֹתֵר מִשֶּׁנִּבְרָא, וְעַכְשָׁיו שֶׁנִּבְרָא יְפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו", עֶס אִיז בֶּעסֶער פַאר'ן מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוען נִישְׁט בַּאשַׁאפְן וֶוערְן, אָבֶּער יֶעצְט אַז מִיר זֶענֶען שׁוֹין בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זָאל מֶען זֶען אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים; דֶערְפַאר, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאשַׁאפְן, דַארְפְן מִיר אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אָן קַיין חָכְמוֹת וְכוּ'.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט אִים, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי מַלְאָכִים: "קוּקְט אָן דֶעם אִיד, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אוּן עֶר דַאנְקְט מִיר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּטְס", אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט וִוי אֵיינֶער הֶערְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אָפְּצוּרֶעדְן, זָאגְט עֶר: "אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס שְׁלֶעכְטְס מֵיינְט."

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וִוי אַזוֹי קֶען מֶען לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּזַאמֶען מִיט עוֹלָם הַזֶּה וְכוּ', וַוייל לִכְאוֹרָה שְׁטֵייט דָאךְ אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רלא) אַז מֶען טָאר נִישְׁט הַנָאָה הָאבְּן פוּן עֶסְן, שְׁלָאפְן אוּן פוּן אַנְדֶערֶע הֲנָאוֹת; דַיין קַשְׁיָא אִיז דֶער תִּירוּץ, קוּק אַרַיין דָארְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (שָׁם) וואו דֶער מְחַבֵּר רֶעכְנְט אוֹיס אַלֶעס וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טוּט – עֶסְן, שְׁלָאפְן, וְכוּ' וְכוּ', אַז מֶען זָאל אַלֶעס טוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, ו): "בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "וִוי אִיז שַׁיָּיךְ תַּאֲווֹת? עֶסְן דַארְף מֶען אַז מֶען זָאל קֶענֶען לֶעבְּן, שְׁלָאפְן דַארְף מֶען כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן דַארְף מֶען וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן, מִמֵּילָא וִוי אִיז שַׁיָּיךְ תַּאֲווֹת"?

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען עֶר זָאל וִויסְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן צוּ וָואס מֶען קֶען צוּ קוּמֶען דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, וָואלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט מְסַגֵּף גֶעוֶוען אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן; דֶער עִיקָּר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיסְנִיצְן זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט לִימּוּד הַתּוֹרָה אוּן תְּפִילָּה.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, אַ וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין מֹחַ אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען – קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוֹיב פָאלְגְט עֶר דֶעם רֶבִּי'ן אוּן הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען כְּסִדְרָן, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "הָעִקָּר הִיא הָאֲמִירָה, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר וּמִמֵּילָא יָבִין", דֶער עִיקָּר זָאל מֶען זֶען צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זֵיי קְלוּג אוּן זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנַיּוֹת, גְּמָרָא אוּן הֲלָכָה, נָאר דָאס וֶועט אִיבֶּער בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז אוּן נָאר דָאס מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ מֶענְטְשׁ, פוּן אַלֶע חֲקִירוֹת אוּן חָכְמוֹת הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ
זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ לְךָ תשע"ח)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# אנשי שלומינו זענען שטארק אקטיוו צו העלפן אידישע קינדער בשעת מלחמה

רעדנדיג צו אנשי שלומינו אין ארץ ישראל צו הערן וויאזוי מען גייט אן אין די צייט פון די מלחמה, וויאזוי עס אפעקטירט די ערליכע אידן בכלל און אנשי שלומינו בפרט, האבן זיי נישט געוויאוסט פון וואס מיר רעדן.

אנשי שלומינו זאגן אז די מלחמה האט זיי בכלל נישט אפעקטירט, זיי זענען פארנומען מיט לערנען, דאווענען, און אויב עס האט עפעס אפעקטירט האט עס נאר אפעקטירט די הפצה און מחזק זיין אנדערע.

יעצט איז א צייט וואס אלע דרשנים זענען שטיל, אידן זענען פארפאניקט און דערשראקן פארשפארט מיט דריי שלעסער, און די ווארטזאגערס פון כלל ישראל האבן נישט וואס צו זאגן, יעצט קוקן אלע ארויס אויף די מפיצים, אפילו די וואס אין אלגעמיין האבן זיי נישט קיין געדולד צו די גליונות "פארוואס דארף מען עס בכלל? ווער דארף חיזוק?", אבער יעצט איז אן אנדערע פרשה, אלע שלונגען מיט דורשט די הייליגע ווערטער פון רבין וואס איז כמים קרים על נפש עייפה.

תלמידי היכל הקודש אין ארץ ישראל זענען נאך מער פארנומען די טעג זיי גייען ארום פון שטוב צו שטוב און זענען מפיץ די גליונות ספרים און סידים, און בפרט האט מען יעצט געלאזט דרוקן א נייע קארטל "די מצב איז שרעקליך" און אין לשון הקודש "המצב משתק אותך" וואס ווערט צוכאפט דורך אלעמען, און זיי באקומען דעם אדרעס וואו זיך צו ווענדן פאר טערעפי פאר די נשמה, וואס איז אמונה, אמונה, און נאכאמאל אמונה, אידישע קינדער ווילן בלויז הערן איין זאך אין די טעג "דער אויבערשטער פירט די וועלט, האב נישט קיין מורא פון קיינעם".

אזוי אויך כאפן זיך אלע צו צו די באקאנטע קמיע וואס מוהרא"ש האט געמאכט ביים אינטיפאדא ווען די אראבער האבן זיך דאן אויך צולאזט און אויפגעריסן פילע באמבעס פון וואס אסאך זענען נעבעך געשעדיגט געווארן, און מוהרא"ש האט געזאגט אז ווער עס וועט טראגן דעם קמיע איז ער מבטיח אז ער וועט נישט געשעדיגט ווערן.

אויך איז מען געגאנגען מחזק זיין אין די שפיטעלער ווי עס געפונען זיך ליידער פילע פארוואונדעטע און צובראכענע אידן, ווי מען האט דערפרייט די פאציענטן וואס האבן זיך מחיה געווען מיט די פרייליכע פנים פון אנשי שלומינו, וואס גיסן אריבער חיזוק אמונה און שמחה צו אלע ארומיגע.

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **שלמה שווארטץ** הי"ו
צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג

***

החתן **בנציון** בן מו"ה **ישראל חיים ברוין** הי"ו
צו זיין שמחה למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **אייזיק אפפעל** הי"ו

***

מו"ה **דוד סאמעט** הי"ו
צו די שמחת החתונה פון זיין טאכטער למזל טוב

***

מו"ה **יחזקאל סאמעט** הי"ו
חשובער מלמד אין אונזערע הייליגע מוסדות
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **שמחה סאלז** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **שרגא שטראססער** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב


## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

## מלחמה אין ארץ ישראל

קורצערע און לענגערע אינטערוויוס וועגן די מלחמה אין ארץ ישראל
**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1, 8**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

< BreslevCenter.com >